**אויף תיכף ארויסצוגעבן:**2021/10/11 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול באגרוסט 750 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער צו פארשטערקערן ביליגע העלט אינשורענס דעקונג

### *די געלטער דורך אמעריקאנער רעטונג פלאן וועט שטיצן די עסענטשעל פלאן*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ביידן-העריס אדמיניסטראציע' צענטער פאר מעדיקעיר און מעדיקעיד סערוויסעס (Centers for Medicare & Medicaid Services, CMS) וועט צושטעלן 750 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע געלטער פאר דער אמעריקאנער רעטונג פלאן (American Rescue Plan) פאר ניו יארק'ס עסענטשעל פלאן (Essential Plan).

"אויב מיר וועלן מצליח זיין צו ברענגען אן ענדע צו די פאנדעמיע, וועלן מיר מוזן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו פארלעסליכע העלט קעיר דעקונג פאר צוגענגליכע פרייזן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.**"איך וויל באדאנקען די דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשליכע סערוויסעס (Department of Health and Human Services) סעקרעטאר זעיווייער בעסערא און CMS אדמיניסטראטאר טשיקיטע ברוּקס-לאַזשור פאר די פינאנצירונג און אנגייענדע מיטארבעט. די צוגעלייגטע 750 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער צו שטיצן אונזער עסענטשעל פלאן וועט אונז העלפן ווייטער פארשטערקערן די דעקונג אין ניו יארק און אונז נאענטער ברענגען צו די ציהל פון דערגרייכן יושר אין העלט קעיר."

ניו יארק'ס עסענטשעל פלאן איז א סטעיט-אנגעפירטע העלט אינשורענס פראגראם וועלכע דעקט איינצלנע מענטשן און פאמיליעס וועלכע פארדינען צופיל צו זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד, אבער די פריוואטע אינשורענס באצאלונגען זענען צו טייער פאר זיי. זינט די עסענטשעל פלאן האט זיך אנגעהויבן אין 2015, האט זיך די צאל מענטשן וועלכע זענען איינגעשריבן געטריפלט און עס זענען יעצט דא 925,000 מענטשן וועלכע זענען איינגעשריבן, אין צוגאב צו Child Health Plus, ערלויבט עס מער ניו יארקער צו באקומען רעגלמעסיגע קעיר צו פארמיידן קראנקייט פאר צוגענגליכע פרייזן וואס האלט זיי און זייערע פאמיליעס געזונט. צוזאמען שפארן ניו יארקער 1 ביליאן דאלאר אין העלט קעיר קאסטן אין 2021 דורכן זיין איינגעשריבן אין די עסענטשעל פלאן אין פארגלייך צו די קאסטן פון פריוואטע העלט אינשורנס פלענער דעקונג.

ניו יארק איז איינס פון די איינציגסטע צוויי סטעיטס – די אנדערע זייענדיג מינעסאטע – וועלכע נוצן אויס די סעיף פון די עפאָרדעבעל קעיר געזעץ (Affordable Care Act) וואס גיבט סטעיטס די מעגליכקייט צו עפענען אייגענע העלט אינשורענס פראגראמען. די פלענער זענען אויסגעשטעלט צו אפפערן העלט קעיר דעקונג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר מענטשן און פאמיליעס מיט נידעריגע ביז מיטעלע איינקונפט וועלכע זענען נישט בארעכטיגט געווען פאר אנדערע פראגראמען, רעדוצירנדיג דערמיט די צאל פון מענטשן וועלכע האבן נישט קיין אינשורענס אדער נישט גענוג אינשורענס. די עסענטשעל פלאן איז געווען גאר וויכטיג מיטן שניידן ניו יארק'ס צאל פון מענטשן אן אינשורענס פון 10 פראצענט צו 5 פראצענט זינט 2013.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן